# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:39
מוצאי שב"ק..................6:11

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................... איכה ב –ג
בבלי:....................... בבא קמא ע"ט
ירושלמי:..................... שבת ל"ח
תוספתא....................... מגילה א'
רמב"ם...................... אסורי ביאה י"ד


פרשת בא, י' שבט, שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 16 (636)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, אַז וֶוען מְ'זֶעט דִי נֵייעֶ לְבָנָה זָאל מֶען מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם חוֹדֶשׁ. זָאגְט רַשִׁ"י "נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה עַל מוֹלַד הַלְּבָנָה, בְּאֵיזוֹ שִׁיעוּר תֵּרָאֶה וְתִהְיֶה רְאוּיָה לְקַדֵּשׁ, וְהֶרְאָה לוֹ בְּאֶצְבַּע אֶת הַלְּבָנָה בָּרָקִיעַ, וְאָמַר לוֹ כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ", פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דִי מִצְוָה, וִוי גְרוֹיס דַארְף זַיין דִי לְבָנָה אַז מְ'זָאל אִיר שׁוֹין קֶענֶען מְקַדֵּשׁ זַיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי לְבָנָה אִין הִימְל, אוּן אִים גֶעזָאגְט, "אַזוֹי וִוי דֶעם זָאלְסְטוּ מְקַדֵּשׁ זַיין". רַשִׁ"י פְרֶעגְט וַוייטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נָאר בַּייטָאג, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה בַּיינַאכְט? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט צוּ אִים נָאנְט צוּ נַאכְט, בַּיי דִי שְׁקִיעַת הַחַמָּה.

דַארְף מֶען פַאַרְשְׁטֵיין, פַארְוָואס פּוּנְקְט בַּיי דִי מִצְוָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶס צוּ פַאַרְשְׁטֵיין?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב), **אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַלֵיין שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ אַ רָשָׁע גָמוּר, דַארְף עֶר אוֹיךְ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס אַבִּיסְל גוּטְס, אַז כָּאטְשׁ בַּיי דִי קְלֵיינֶע זַאךְ אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, עֶר וֶועט זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט אוּן ווָאוִיל, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.**

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, י') **"וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ"**, אוֹיבּ וֶועט מֶען קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל גוּטְס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, וָואס בַּיי דֶעם אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דַאן וֶוען מְ'וֶועט קוּקְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ וֶועט מֶען זֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָארְט, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה.

דָאס אִיז סַיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין, אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. **דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט גוּט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט מִיט אַ גוּט אוֹיג אוּן מְ'פְּרוּבִּירְט צוּ טְרֶעפְן דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מְ'הָאט, דָאס מַאכְט אַז מְ'זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן בֶּעסֶער.** דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'טְרֶעפְט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מְ'זָאל טַאקֶע וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט.

דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים, סַיי בַּיי זִיךְ אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע. דִי גוּטֶע זַאכְן וֶוערְן פַארְזֶען וַוייל דָאס קוּמְט דָאךְ אַזוֹי, דֶער בְּלִיק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פַּאלְט גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים פוּן זִיךְ אוּן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן צֶעפַאלְן, מְ'זֶעט דָאךְ וִוי שְׁלֶעכְט דֶער מַצָּב אִיז, אוּן דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען חַס וְשָׁלוֹם אַז מְ'זָאל אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּפַאלְן, אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְפַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶער דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט עֶפֶּעס אַבִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע טְרֶעפְט עֶר אוֹיךְ גוּטְס בַּיי יֶענֶעם, דָאס טוּט אוֹיף אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר, הֲלָכָה א') אַז דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן מִצְוַת קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי לְבָנָה, אוּן אַזוֹי וִוי בַּיי דִי לְבָנָה זֶעט מֶען אַז דַוְקָא וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקֶעלֶער אוּן טוּנְקֶעלֶער סוֹף חוֹדֶשׁ, בִּיז סְ'וֶוערְט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיס, מְ'זֶעט עֶס שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט בַּאנֵייעֶט זִי זִיךְ, מֶען וַוארְט צוּ זֶען אֲפִילוּ נָאר אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן דִי פְרִישֶׁע לְבָנָה, אוּן גְלַייךְ שְׁרֵייט בֵּית דִין אוֹיס "מְקוּדָּשׁ מְקוּדָּשׁ". דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער פַּאלְט אַוֶועק

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקֶנְט, אָבֶער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריִקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְן. אוֹיבּ אָבֶער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

ווָאוִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

<<<<<<

## א גוט ווארט

לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן צוּ מְתַקֵּן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, בִּפְרַט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; דָאס לוֹיטֶערְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען קֶען זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; דָאס נֶעמְט אַרָאפּ יֶעדֶע פְלֶעק, יֶעדֶע פְּגָם - פוּן דִי נְשָׁמָה.

עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין אִין אֵיין צִי, מֶען קֶען צֶעטֵיילְן דִי אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אִין אֵיין צִי קֶען מֶען דָאס צֶעטֵיילְן אוֹיף זֶעקְס, זֶעקְס, זֶעקְס; אִינְדֶערְפְרִי זֶעקְס, נָאכְמִיטָאג זֶעקְס אוּן בַּיינַאכְט זֶעקְס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וָאֵרָא תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# נִישְׁט אַרייַנְנֶעמֶען אַ פָאוֹן אִין שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ מִיט אַלֶע אֲפִילוּ׳ס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַּארְוָואס דוּ ווִילְסְט מִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן! אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר; אַלֶעס נֶעמְסְטוּ אָן – בִּיז דֶער זַאךְ. דוּ זֶעסְט דָאךְ ווִי שֵׁיין דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דֶעם רֶבִּי׳ן, פַּארְוָואס בַּיי דֶעם בִּיסְטוּ אַזוֹי פַּאר׳עַקְשְׁנְ׳ט?! וְויפִיל אִיךְ בֶּעט דִיר, וְויפִיל אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר – קֶען אִיךְ נִישְׁט פּוֹעֵלְ׳ן?!

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ יָא קֶענֶען פּוֹעֵלְ׳ן; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט אַרייַנְנֶעמֶען קַיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ עֶס הָאט נִישְׁט קַיין סֶערְווִיס, אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעבְּלַאקְט, אֲפִילוּ מִיט אַלֶע אֲפִילוּ׳ס.

מֶעגְסְט מִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיךְ וֵויס וָואס אִיךְ רֶעד; אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער – אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, זֵיי קוּקְן זַאכְן אִין שְׁטוּבּ בְּשָׁעַת דִי עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן. זֵיי קֶענֶען עֶפֶענֶען אַלֶע פִילְטֶערְס, זֵיי קֶענֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין מִיט אַ טוֹיטֶע טֶעלֶעפָאן אוּן יֶעצְט מוּטְשֶׁען זֵיי זִיךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

ווָאוֹיל אִיז דֶער וָואס הֶערְט אוֹיס וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאגְן, ווָאוֹיל אִיז דֶער וָואס גֵייט בִּתְמִימוּת – דֶער וֶועט נִישְׁט פַאלְן. ״הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח (מִשְׁלֵי י, ט)״, דֶער וָואס גֵייט בִּתְמִימוּת; אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ – דֶער וֶועט נִישְׁט פַאלְן, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט זִיכֶערֶע טְרִיט אִין לֶעבְּן.

״בְּנִי, לְחָכְמָתִי הַקְשִׁיבָה, לִתְבוּנָתִי, הַט אָזְנֶךָ״, מַיין זוּן, הֶער אוֹיס מַיינֶע וֶוערְטֶער; ״לִשְׁמֹר מְזִמּוֹת״, הִיט אָפּ דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, ״וְדַעַת שְׂפָתֶיךָ יִנְצֹרוּ״, דַיינֶע לִיפְּן זָאלְן נָאר רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ״כִּי נֹפֶת תִּטֹּפְנָה, שִׂפְתֵי זָרָה״, דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן זֶענֶען זֵייעֶר צִיעֶנְדִיג, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר זִיס, ״וְחָלָק מִשֶּׁמֶן חִכָּהּ״, עֶס אִיז אַזוֹי זִיס ווִי זִיסֶע זַאכְן, ״וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה״, אָבֶּער דֶער סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶס אִיז אַזוֹי בִּיטֶער ווִי בִּיטֶערֶע גְרָאז, ״חַדָּה, כְּחֶרֶב פִּיּוֹת״, עֶס בְּרֶענְגְט צוּ טוֹיט אַזוֹי ווִי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד, ״רַגְלֶיהָ, יֹרְדוֹת מָוֶת״, זֵיי צִיעֶן צוּם טוֹיט, ״שְׁאוֹל, צְעָדֶיהָ יִתְמֹכוּ״, בִּיז׳ן אָפְּגְרוּנְד; דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען וֶוערְטֶער וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ה, א-ה); שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ בֶּעט, הֶער אוֹיס דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת בֹּא תשפ״א)

>>>>>>

חַס וְשָׁלוֹם, סְ׳זֶעט אוֹיס ווִי סְ׳אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין זֵכֶר פוּן אִים, אוֹיבּ שְׁטְרֶענְגְט מֶען זִיךְ אָבֶּער אָן צוּ זוּכְן בַּיי אִים אֲפִילוּ נָאר אַ פִּיצְקֶעלֶע גוּטְס, קֶען מֶען שׁוֹין שְׁרֵייעֶן ״מְקוּדָּשׁ מְקוּדָּשׁ״, דִי קְלֵיין בִּיסְל גוּטְס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט.

דֶערְפַאר אִיז דִי מִצְוָה גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל סְ׳אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן גוּטְס בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי יֶענֶעם, עֶס צִיעֶט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן דַוְקָא אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס, עֶר מֵיינְט אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען אוֹיסְרַייסְן אוּן פַארְרֶעכְטְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דַוְקָא בַּיי דִי שְׁקִיעָה, וֶוען דִי נַאכְט פַאלְט שׁוֹין צוּ, אַז דֶעמָאלְט זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זֶען אַבִּיסְל לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן אַזוֹי מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן דַאן וֶועלְן מִיר שׁוֹין זֶען אוֹיךְ נָאר גוּטְס אִין שְׁטוּבּ אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַלֵיין זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן מִיר וֶועלְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בֹּא תשס״א)

>>>>>>

### זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפֵּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

### זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן ווִי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְּן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם ווִי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶּער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

ווָאוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי ווִי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן ווִי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְּרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הַנָאָה הָאבְּן, ווָאוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט״ו בִּשְׁבַט)

>>>>>>

דער ראש ישיבה שרייבט דערויף אז עס איז "צדקת רבי מאיר בעל הנס" און ווער עס וועט דארפן א ישועה זאל לייגן אין דעם פושקע, אזוי אויך די פרויען פארן ליכט צינדן.

ר' אהרן זאגט אונז אז דער בריוו האט געמאכט א גרויסע שטורעם און ווי ער גייט און שטייט בעט מען אים א פושקע, אבער ער זאגט אז די פושקעס זענען נאך יעצט אין פראדאקשן, און ער האפט בעזרת השם יתברך בקרוב צו האבן גענוג פושקעס, און עס קענען געבן פאר אלעמען.

פאריגע וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן א בריוו פארן גבאי פון די מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש **"לכבוד מיין טייערע אהרן בן פיגא נ"ו, טייל אויס פאר יעדן פון אנשי שלומינו א פושקע פאר אונזערע מוסדות אין ארץ ישראל "קופת רבי מאיר בעל הנס", און ווען די פרויען גייען צינדן די שבת ליכט זאלן זיי לייגן צדקה פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות. אזוי אויך ווען מען וויל פועל'ן א ישועה וועט מען לייגן צדקה אין די פושקע פון רבי מאיר בעל הנס פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות און מען וועט זען א ישועה. אלע זענען זייער ווארעם צו העלפן די מוסדות אין ארץ ישראל על טהרת הקודש, מיר נעמען נישט קיין געלט פון די ערב רב און מיר לערנען נישט און רעדן נישט זייער טריפה'נעם שפראך, האב נישט מורא, אלע וועלן דיר העלפן, אלע ווילן האבן א חלק אין תורת ארץ ישראל"**

אנשי שלומינו געבן צדקה מיט שמחה און געבן וויפיל מען קען יעצט, מען ווייסט די גרויסע חשיבות פון צדקה, און אז דער אויבערשטער דארף נישט דווקא די מיליאנען פון די גרויסע עשירים, דער אויבערשטער וויל מזכה זיין יעדן איד מיט די מצוה פון צדקה, מען לייגט אריין איין פרוטה פארן דאווענען שחרית, א פרוטה פאר מנחה, א פרוטה פאר מעריב, יעדעס מאל מען לאזט זיך ארויס אויפן וועג לייגט מען אריין א פרוטה און מען זאגט עטליכע ווערטער צום אויבערשטן אז די וועג זאל דורכגיין בשלום, מען זאל נישט כאפן קיין טיקעט, עס זאל נישט זיין קיין טרעפיק, מען זאל נישט מאכן קיין עקסידענט, יעדעס מאל ביי התבודדות נעמט מען ארויס א פרוטה פון טאש און מען לייגט עס אריין אין די פושקע. און פרוטה פרוטה מצטרפת, פון די קליינע מטבע'לעך קען מען בעזרת השם אויסצאלן א מלמד אדער צוויי.

אויך זענען דא פילע אנשי שלומינו וועלכע וועלן נעמען פושקעס ארום צו גיין אין שול ביי זייער מנין שחרית. מען טוט זיך אן מיט עזות דקדושה און גייט ארום מען קלאפט מיט די פושקע (ליקוטי מוהר"ן ח"א סימן כ"ב) וואס איז ממתיק אלע דינים פון זיך און פון גאנץ כלל ישראל, און פון די פרוטה'לעך וואס אידישע קינדער לייגן אריין ביי שחרית קען זיך איינזאמלען במשך דעם יאר עטליכע טויזענט דאלער!

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן דוּרְכְ'ן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים.

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְּרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק, וָואס הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ נַייעֶם לֶעבְּן, אוּן מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַזוֹיפִיל זַאכְן.

שׁוֹין אִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוָה יֶעדְן טָאג, דָאס אִיז גֶעקוּמֶען נָאכְ'ן הֶערְן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט, "אַז דוּ קֶענְסְט נָאכְנִישְׁט גֵיין אִין מִקְוָה, כָאטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם", אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוָה טֶעגְלִיךְ.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא אַז מִיר זָאגְן צוּזַאמֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּם גוּטְן אִין יֶעדְן אַסְפֶּעקְט, סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי בַּיי דִי אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט אַ נַייעֶ לֶעבְּן זַייט דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוָה, הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען, דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ צוּ דַיין וַוייבּ, בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן אַלֶעס - אִיז מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ', וְכוּ'; עֶס אִיז מַמָשׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד".

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק אִיז דָאס לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט עֲבוֹדַת הַשֵׁם מִיט שִׂמְחָה. חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ, וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם", פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, אַז דוּ זָאגְסְט: 'וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!'" עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְתָא זוּטַרְתָּא הִיא", פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵין דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, בִּתְחִלַּת הַפַּרְשָׁה): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רֶעדְט דָאךְ צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט? עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "מִילְתָא זוּטַרְתָּא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיגְקֵייט, וַוייל דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין מַדְרֵיגָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק הֶערְט זִיךְ דִי מִצְוֹות אַנְדֶערְשׁ וִוי דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין צַדִיק.

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב פַארְ'ן רֶבִּי'ן; אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען לֶעבְּן דַארְפְסְטוּ דָאס פַארְגִינֶען אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע, פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס זָאלְן נִישְׁט אַנְדֶערֶע ווִיסְן פוּן דִי גוּטֶע מֶעדֶעצִינֶען זִיךְ צוּ הֵיילְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אוּנְז אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רַב הוּנָא (תַּעֲנִית כ:): "כִּי הֲוָה לֵיהּ מִילְּתָא דְּאָסוּתָא", וֶוען עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין, "הֲוֵי מָלֵי כּוּזָא דְּמַיָּא וְתָלֵי לֵיהּ בְּסִיפָּא דְּבֵיתָא", הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע פַּאס פוּנֶעם מֶעדֶעצִין אוּן אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין שְׁטוּבּ, "וְאָמַר כָּל דְּבָעֵי לֵיתֵי וְלִישְׁקוֹל", עֶר הָאט גֶעזָאגְט: 'וֶוער עֶס דַארְף פוּן דִי מֶעדֶעצִין קֶען קוּמֶען אוּן נֶעמֶען'.

נָאךְ אַ גוּטֶע מִנְהָג הָאט רַב הוּנָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דִי כֹּחוֹת פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע (שֵׁדִים), עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מַזִיק זַיין אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ נְטִילַת יָדַיִם. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין וַואסֶער, "וַהֲוָה מַנַּח כּוּזָא דְּמַיָּא וְדָלֵי לֵיהּ", הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פַּאס וַואסֶער אוּן

BreslevCenter.com\answers

דָאס אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ, "וְאָמַר כָּל דִּצְרִיךְ לֵיתֵי וְלֵיעוֹל דְּלֹא לִסְתַּכֵּן", עֶר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל נֶעמֶען פוּן דִי וַואסֶער זִיךְ צוּ וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם אֵיידֶער מֶען עֶסְט כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן זֵיי.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק, וֶוען עֶר טְרֶעפְט אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין גֶעבְּט עֶר דָאס פַאר אַלֶעמֶען, און וֶוען עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גוּטֶע (שֵׁדִים) אִיז עֶר דָאס מוֹדִיעַ פַאר אַנְדֶערֶע און עֶר הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע. דָאס דַארְפְן מִיר טוּן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זַיינֶע עֵצוֹת; דַארְפְן מִיר דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

מִיר דַארְפְן טוּן דֶעם ווִילְן פוּן רֶבִּי'ן; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הַפָּצָה'; וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה, אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הַפָּצָה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ, 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן"; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת בֹּא תש"פ)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

# סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק שיעורים און בריוו, וואונטשן מיר א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב**

**החתן שמעון שליט"א**

**עב"ג בת**

**מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א**

**מנהל מוסדותינו הקדושים**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# הכנסת ספר תורה לע"נ מוהרא"ש זי"ע מוצש"ק פרשת בשלח הבעל"ט

אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש גרייטן זיך מיט גרויס עקסטאז צום יומא דהילולא קדישא פון אונזער גרויסן מנהיג וואס דער אויבערשטער האט ברוב רחמיו וחסדיו אראפ געשיקט צו אונזער דור, מוהרא"ש זי"ע, וואס פאלט אויס קומענדיגן שב"ק פרשת בשלח י"ז שבט הבעל"ט.

איבעראל אין די גאנצע וועלט וועלן זיך די תלמידים צוזאם נעמען אין די שולן פון היכל הקודש וואו מען וועט איבער חזר'ן און זיך אויפפרישן מיט די לעכטיגע עצות וואס מוהרא"ש האט אונז איבער געלאזט. מען וועט רעדן איבער די נושאים וואס ער פלעגט אלץ מחזק זיין אז מען זאל כסדר חזר'ן, מען וועט רעדן פון רעדן צום אויבערשטן, ווי ער פלעגט אלץ זאגן אז ווען א מענטש זאל וויסן וואס מען קען פועל'ן מיט תפלה וואלט מען נישט נישט אפגעלאזט די זאך פון התבודדות. מען וועט זיך מחזק זיין צו רעדן שיין אין שטוב, ווי מוהרא"ש פלעגט אלץ זאגן אז מען קען נישט זיין אפגעהיטן אן א ווייב, און אויב מען קריגט זיך איז דער סמ"ך מ"ם באלעבאס אין שטוב רח"ל. מען וועט רעדן איבער דעם סדר דרך הלימוד פון זאגן די ווערטער אפילו אן פארשטיין, מען וועט זיך מחזק זיין מיט לימוד משניות, זאגן פרקים משניות וואס איז מסוגל פאר כל מיני ישועות בפרט פאר ווער עס וויל ארויסגיין פון אלע סארטן עדיקשאנס רח"ל. מען וועט רעדן פון הפצה, וואס מוהרא"ש פלעגט אלץ מאנען די תלמידים אז אויב דו האסט אנגעהויבן צו הערן די ווערטער פונעם צדיק און דיין לעבן האט זיך געטוישט, פארוואס זאלסטו נישט פארגינען די זיסע לעבן פאר נאך איד, און אזוי ווייטער.

אין די לעצטע יארן האט מען געשריבן א ספר תורה לעילוי נשמת מוהרא"ש זי"ע וואס וועט אריינגעגעבן ווערן צום בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג, וואס מען האלט שוין ב"ה ביי די לעצטע שטאפלען, און די הכנסת ספר תורה וועט בעז"ה געפראוועט ווערן קומענדיגן מוצש"ק פרשת בשלח הבעל"ט ברוב עם וברוב פאר והדר. רוב זכותים זענען שוין אויספארקויפט געווארן, עס זענען נאך דא געציילטע זכותים וואס מען קען נאך שאפן, מען קען רופן דעם גבאי פון ביהמ"ד היכל הקודש וויליאמסבורג מו"ה שבתי מארקוס הי"ו אויף **3476662803**.

פאלגט נאך אונזערע באריכטן איבער פרטים איבער די מעמדי סיום כתיבות האותיות וואס וועט פארקומען סיי אין ברוקלין און סיי אין אפסטעיט אין די קומענדיגע טעג בעהשי"ת.

***

# מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש גרייטן צו רבי מאיר בעל הנס פושקע

אנשי שלומינו נעמען אויף מיט פרייד די בשורה פונעם גבאי פון דעם מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש הר"ר אהרן וועבערמאן שליט"א אז מען גרייט זיך צו פראדוצירן און אויסטיילן די נייע פושקע פאר די הייליגע ארץ ישראל'דיגע מוסדות מען זאל קענען געבן צדקה אין די פושקע וואס

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **חיים שלום קרויס** הי"ו ירושלים

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **ישראל קרויס** הי"ו וויליאמסבורג

צו די אפשערן פון זיין זון **אליעזר שלמה** נ"י למזל טוב

***

מו"ה **וואלף שטערן** הי"ו וויליאמסבורג

צו די אפשערן פון זיין זון **אליהו** נ"י למזל טוב

***


## אווער נייט קוגל

**סושי? גאלע? לעבער? ווי אזוי איז מען אויפגעקומען מיט די אלע מיני עסן, הערט א שיינע שיעור ווי אזוי צו זיין שטענדיג פרייליך.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10,1, 59**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060/212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090